---

יא מיר קענען !!! מאכן דעם טויש !
געמאלדן דורך טויש - י"א ניסן התשפ"א 17:39

---

גופא דעובדא הכא הוה !

פאר 44 טעג צוריק האב איך ארייגעבלאנזשעט דא

און געקוקט און געקוקט

כהאב געקוקט צו איך זע גוט און נישט געגלייבט

סאיז דא נאך מענטשן מיט די זעלבע סטראגל ווי איך וואס ווילן אזוי שטארק זיך העלפן

און ווילן אזוי שטארק ארויסהעלפן א צווייטן.

איך האב געפילט ממש אז איך טו א טובה ווען איך נעם פון זייער צייט

עס איז א פלאץ וואס איך האב אלץ געחלומט אנצוקומען

נאר כהאב פשוט נישט געוויסט אז עס איז דא אזא זאך

כהאב אלץ געבעטן ביי גאט אז כזאל געהאלפן ווערן

און יאפס סאיז אנגעקומען די באשערטע מינוט

כהאב מחליט געווען אז אייע"ם הי"ר ט"א סטע"י

כהאב גלייך באקומען מעסעזשעס פון חברים אז זיי זענען גרייט צו העלפן מיט סיי וואס און סיי ווען

און ב"ה אז כהאלט דא

מיינע שטערקסטע יסודות וואס איך האב ביזדערווייל דא קונה געווען זענען...

1) ביזט נישט א בעל עבירה ! (סאיז א מחלת הנפש)

2) איין טאג אויפאמאל

3) געב עס איבער אינגאנצן פאר אונזער לעכטיגע טאטן אין הימל . (ער קען די בעסט ! פאלג אים נאר מיט וואס ער פארלאנגט .שמירת עינים פילטער וכדומה)

4) ארויפקומען דא אויפן סייט און זיין בקשר מיט חברים העלפט מיר זייער

זייטס מיר אלע געזונט און פריש

================================================================================

ענטפער: יא מיר קענען !!! מאכן דעם טויש !
געמאלדן דורך איין קוק ווינציגער - י"א ניסן התשפ"א 17:55

---

**מזל טוב** ר' טויש פאר עפענען די טרעד

**מזל טוב** פאר אזויפיל זיך לערנען אין א אזא קורצע צייט

**מזל טוב**פארן גרייכן צו די הילף

**יא די אויבערשטער האט דיר ליעב**

================================================================================

ענטפער: יא מיר קענען !!! מאכן דעם טויש !
געמאלדן דורך אברהם העברי - י"א ניסן התשפ"א 18:10

---

שלום עליכם הרב טויש, אויב דא איז דער אשכול פון טויש זענען מיר אלע דא...

מזל טוב צום נייעם טרעד, פון דיין ארײנפיר זעהט זיך אן ווי דו ביסט דא מיטביידע פיס, און דאס איז פאר אונז א געוואלדיגע פרייד און א פריוועליגיע.

מיר קוקן ארויס אויפ'ן המשך פונעם טויש.

================================================================================

ענטפער: יא מיר קענען !!! מאכן דעם טויש !
געמאלדן דורך שיע - י"א ניסן התשפ"א 20:38

---

***.טרעד נייע דיין צו !!טוב מזל !!טוב מזל !!WOW !!WOW***

*איך האב אנגעהויבן ליינען די ערשטע תגובה פון אונזער ידיד הקדוש וצדיק ר' טויש,  אבער, עס איז נישט גענוג, איך ליין עס איבער נאכאמאל, אין א דריטע מאל, עס גלייבט נישט, א איד ארײנגעקומען דא 45 טעג צירוק, אין ער קומט אריין, אין שטעלט אראפ יסודות מיט אזא קלארקייט, מיט אזא פעסקייט.*

*אזוי שנעל קונה געווען די מהלך,, נו אוודא,  נישט קיין חידוש אז ער איז סאבער און ריין פונעם ערשטען טאג ביז יעצט.*

*יא לאז נישט נאך, די פארסט די גוטע וועג, והא ראי עס ארבעט פיין.*

*אוי איז דעס א גוטע נאמען* ***"יא מיר קענען מאכן די טויש!!" אונז אלע קענען !!! איך אויך!!***

*שכח פארן עפענען די טרעד עס וועט דיר זיכער העלפען , אז אונז אלע זאלן דא קענען מיטהאלטען דיין רייזע, אין זיך קענען מיט כאפן.*

*פאר געזונטערהייט!!!!!*

================================================================================

ענטפער: יא מיר קענען !!! מאכן דעם טויש !

---

געמאלדן דורך נישט שפעט - כ"ד ניסן התשפ"א 09:35

---

היות אז ס'איז קיינמאל "נישט שפעט" קען איך נאך אלס וואונטשטן א ווארעמע און הארציגע מזל טוב לכבוד די נייע טרעד פון ידי"נ היקר והחכם הרב טויש שליט"א.

און אן עקסטערע מזל טוב לכבוד די גרויסע שמחה פון ציילן איין טאג נאך די אנדערע, שוין**57**טעג. ס'איז א געוואלדיגע זאך און גאר א גרויסע שמחה זעהן ווי א טייערע היילגע ליכטיגע חבר איז זוכה צו שטייגן העכער און העכער.

און ווי די חברים האבן שוין מפליג געווען אין די שטארקע יסודות וואס דו האסט זיך געלרענט דא אין הד"א, וואס דאס זענען גאר שטארקע יסודות אויף זיך העלפן אין ריקאווערי. ביסט א ריכטיגע איזהו חכם הלומד, ביסט א לומד דבר מתוך דבר און דו פארשטייסט טוהן צו די זאך לטובתך ולהנאתך.

איך דאוון פאר דיר די סייעתא דשמיא זאל דיר ווייטער באגלייטן, זאלסט קענען ווייטער שטייגן נאך א טאג און נאך א טאג, מיט שמחת חיים באמת, אן צופיל שווערעקייטן חלילה.

============================================================================

ענטפער: יא מיר קענען !!! מאכן דעם טויש !
געמאלדן דורך נישט שפעט - כ"ה ניסן התשפ"א 18:18

---

טויש מצא ח"ן בעיני ה'

============================================================================

ענטפער: יא מיר קענען !!! מאכן דעם טויש !
געמאלדן דורך טויש - ט"ז אייר התשפ"א 21:49

---

ברוך השם איך גיי היינט אריין און מיין אכציגסטע טאג

טאטע איך דאנק דיר טאטע איך לויב דיר

איך לויב דיר פאר מיין היינטיגע טאג

און איך לויב דיר פאר די לעצטע 80 טעג

סגעווען גרינגערע טעג

און סגעווען שווערע טעג

און סגעווען גאר שווערע טעג

געוווען איינמאל וואס כהאב שיעור כמעט געטראסקעט

אבער ב"ה נאר כמעט !!!!!!

טייערע חברים בעטס פאר מיר פאר נאך א טאג

און נאכדעם פאר נאך א טאג

איך בעט פאר ענק

זייטס געזונט !

============================================================
================

ענטפער: יא מיר קענען !!! מאכן דעם טויש !
געמאלדן דורך i want - י"ז אייר התשפ"א 10:27

---

!!חיזוק גרויס אלע אינז גיבט'ס ,דא מיטטיילן פארן שכח אין WOW!!

מיר קוקן ארויס אין בעטן פאר דיין הצלחה!!

============================================================
================

ענטפער: יא מיר קענען !!! מאכן דעם טויש !
געמאלדן דורך טוב לי - י"ז אייר התשפ"א 17:12

---

מזל טוב צו דיינע**80!**ריינע טעג די ביסט א וועג ווייזער פאר אסאך פון אונז,

די שרייסט פאר אונז אלע אז סאיז נישט דא אזא זאך מקען נישט נאר "**יא מיר קענען מאכן די טויש**"

גיי אן אונז קוקן ארויס פאר דיין הצלחה און אונז קומען אי"ה נאך נאך דיר (אבער שטעל דיך ח"ו נישט אפ צו ווארטן אויף מיר - כוועל שוין אליינס נאכקומען)

============================================================
================

ענטפער: יא מיר קענען !!! מאכן דעם טויש !
געמאלדן דורך טויש - כ"א אייר התשפ"א 18:26

---

אני מאוד מרוגש שבעזרת השם בעוד שבוע אני מגיע ליום התשעים שלי.

ליהות .לזה להגיע לי שיתן להשם בתפילה וכמובן .התרגשות מתוך סתם זה את כותב אני """"""""""""נקי""""""""""""""""""""""""""

ושיתן לי עוד יום ועוד יום ו.....................עוד ועוד.

אני יודע שהשם יכול להפיל אותי בכל רגע.

אבל אני מתחנן אליו כתינוק אנא תן לי עוד יום עוד שעה עוד דקה עוד רגע.

טאטע כבעט דיר!

פאר מיר קוקט אויס אז סאיז גוט פאר מיר אז כזאל זיין "ריין"

אויך קוקט מיר אויס אז אזוי איז דיין רצון

אויך האסטו זייער ליב ווען איך בעט זיך צו דיר אז כוויל זיין הייליג און ריין

סא כבעט דיר מיין ליבער גאט העלף מיר !!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!

לאמיר דיר דערציילן טאטע ווי שלעכט כשפיר זיך ווען כבין נישט סאבער

איך שפיר זיך דערביטערט אז איך וויל אוועקלויפן פון מיר אליין די ווייסט ווי א שלעכטע פילינג דאס איז ? ממש א טעם מיתה.

נאר די (און מיינע חברים) ווייסן די ביטערע טעם.

סא כבעט דיר העלף מיר אז כזאל מער נישט פאלן.

עס איז אזעלעכע יסורי הנפש!

און מיט דעם דארפן מיר זיך ארומדרייען און ניטאמאל קען מען זיך געהעריג אויסשמיעסן ווייל סאיז א מוראדיגע בושה.

און אויך וויל איך בעטן פאר מיינע טייערע חברים וואס מוטשען זיך מיט די זעלבע יסורים הנפש.

העלף זיי ! העלף זיי !!!

וכדי שלא להשאיר הנייר חלק................

סאיז געווען ל"ג בעומר אינמיטן זינגען ווארעמע ניגונים איך בין זייער נתעורר געווארן

און מיין 4 יעריג באחנטע זיסע אינגעלע שטייט נעבן מיר און איך טראכט אזוי צו מיר

ואלו הצאן מה חטאו ?

וואס איז ער נעבעך שילדיג אז ער האט אזא טאטע ?..................

אוי טאטע העלף אז ער זאל נישט אדורך גיין דאס וואס איך !........................

אוי האב איך געוויינט!!!!!!!!...............

זאלמיר האבן אויסגעפועלט אלעס גוטס !!!

===============================================================================

ענטפער: יא מיר קענען !!! מאכן דעם טויש !

געמאלדן דורך משה83 - כ"א אייר התשפ"א 22:51

---

Wow

זייער גוט ארויסגעברעינגט

==========================================================================
================

ענטפער: יא מיר קענען !!! מאכן דעם טויש !
געמאלדן דורך יונה מצאה - כ"ב אייר התשפ"א 00:13

---

[טויש געשריבן on כ"א אייר התשפ"א 18:26](#):

לאמיר דיר דערציילן טאטע ווי שלעכט כשפיר זיך ווען כבין נישט סאבער

איך שפיר זיך דערביטערט אז איך וויל אוועקלויפן פון מיר אליין די ווייסט ווי א שלעכטע פילינג דאס איז ? ממש א טעם מיתה.

און מיין 4 יעריג באחנטע זיסע אינגעלע שטייט נעבן מיר און איך טראכט אזוי צו מיר

ואלו הצאן מה חטאו ?

וואס איז ער נעבעך שילדיג אז ער האט אזא טאטע ?..................

אוי טאטע העלף אז ער זאל נישט אדורך גיין דאס וואס איך !........................

אוי האב איך געוויינט!!!!!!!!................

זאלמיר האבן אויסגעפועלט אלעס גוטס !!!

יאפ, צומאל שפירט זיך עס ווי מען וויל מאכן א סוף צו די לעבן. עס שפירט זיך ווי די וועלט ענדיגט זיך.

דיין קינד, אלע דיינע קינדער האבן א גוטע טאטע וואס ארבעט אויף זיך. און קענען זיין שטאלץ מיט זייער טאטע. אפשר איז זייער טאטע נישט קיין דיין, א רב א רבי אדער גאר א מגי״ש וואס זיצט אויבן אן. אבער זייער טאטע זיצט באמת אויבן אן כלפי מעלה. אים האט מען געגעבן שווערערע געהיימערע מיסיעס אויף דעם עולם השפל. דיינע קינדער זענען שטאלץ מיט דיר!

יונה׳לע

==============================================================================

ענטפער: יא מיר קענען !!! מאכן דעם טויש !
געמאלדן דורך שלום אהליך - כ"ב אייר התשפ"א 08:48

---

[טויש געשריבן on כ"א אייר התשפ"א 18:26](#)**:**

אני מאוד מרוגש שבעזרת השם בעוד שבוע אני מגיע ליום התשעים שלי.

ליהות .לזה להגיע לי שיתן להשם בתפילה וכמובן .התרגשות מתוך סתם זה את כותב אני """""""""""נקי"""""""""""""""""""""""

ושיתן לי עוד יום ועוד יום ו....................עוד ועוד.

אני יודע שהשם יכול להפיל אותי בכל רגע.

אבל אני מתחנן אליו כתינוק אנא תן לי עוד יום עוד שעה עוד דקה עוד רגע.

אחי חביבי, ה' הטוב אינו מביא שום רעה ואם ע"י נפילות אתה מרגיש ברע אזי זה לא יצא מאתו ככתוב מפי עליון לא תצא הרעות והטוב, ופרש"י מפיו לא תצא הן רעה הן טובה אבל מה יש להתאונן אדם חי גבר על חטאיו וכו' אמר רבי יוחנן מיום שאמר הקב"ה ראה נתתי לפניך את החיים ואת הטוב וגו' לא יצא רעה וטובה מפיו אלא הרעה באה מאליה לעושה רע והטוב לעושה טוב, היוצא לנו מזה, שמאתו לא יצא שום רע, כל הוא הטוב והוא המטיב. ובכן כשהקב"ה רואה מעשיך הכבירים איך אתה מתמודד כל היום וכל הלילה להיות קדוש ונקי, טהור וזהיר בודאי ישפיע לך כל טוב ומטיב באנפין נהירין.

ברודער חזק ואמץ איין טאג אויפאמאל און דער באשעפער וועט דיר העלפן ביז די 120 געזונטערהייט.

==============================================================================

ענטפער: יא מיר קענען !!! מאכן דעם טויש !
געמאלדן דורך נישט שפעט - כ"ב אייר התשפ"א 10:49

---

**מיין טייערע ליכטיגע הייליגע חבר "טויש".**

מיינע אויגן טרערן ווען איך ליין דיינע פייערדיגע הייסע גאר-הארציגע ווערטער, ווי דו שמועסט זיך אויס מיט הייליגן טאטן אין הימל טאקע אזויווי א קינד רעדט זיך אויס צו זיין טאטע, מיט אזא אמת, מיט אזא נאנטקייט, מיט אזא אפענקייט. ס'איז כולו רגש, כולו הארץ, כולו געגועים, כולו הייליגע רצון.

נאר איין חילוק טייערע חבר,**פאר אונזער טאטע אין הימל דארפסטו גארנישט פארציילן!!!** ער ווייסט פונקטליך וויאזוי דו שפירסט, ער ווייסט פונקטליך וואס דו גייסט דורך, ער ווייסט זייער גוט ווי ציבראכן מ'איז, ווי פארלוירן מ'איז. ער איז עושה ועושה ויעשה**לכל המעשים**, ער איז א יודע מחשבות ובוחן כליות ולב.

**ער ווייסט נאך אסאך מער ווי דיר!** ער ווייסט ווי ווייט מיר האבן נישט קיין שליטה, ווי שוואך אונז זענען. ער ווייסט וויאזוי די זאך האט זיך אנגעהויבן מיט יארן צוריק, ווען אונזער מוח איז געווען קליין און גארנישט פארשטאנען, ביז אונז זענען געווארן געצויגן און געצווינגען אנקעגן אונזער אמת'ע רצון - וואס דאס מיינט אז אלע אונזערע מעשים איז א תוצאה פון יענע ערשטע פאר מאל וואס אונז האבן באמת נישט געוואוסט וואס אונז טוהען.

*

נאך א הערה.

האסט געשריבן לגבי דיין טייערע זוהן:

**וואס איז ער נעבעך שילדיג אז ער האט אזא טאטע ?..................**

דארף מען פארעכטן און שרייבן:

**וואס האט ער זוכה געווען צו האבן אזא הייליגע טאטע?........**

און אזוויוי יונה'לע האט שוין געשריבן. דו הייליגסטע און חשוב'סטע מענטשטן זענען אזעלכע ווי דו, וואס זיי זענען **"משבר את הטבע"** פשוטו כמשמעו, זיי רייסן שטיקער פון זיך, זיי האקן האלץ פאר השי"ת, זייער הארץ איז אזוי שטארק משתוקק און נכסף מיט אזעלכע געגועים און כיסופין צום הייליגן באשעפער. די רצון און השתוקקות איז זיי מקיף אלע רמ"ח אברים און שס"ה גידים.

געהערט אמאל א זיס ווארט, אויף וואס מ'זאגט ביי די הרחמן לברית מילה**"ותתנהו למעלה למעלה"** , וואס איז די דאפלט לשון? נאר דאס אז דא אונטן אויף די וועלט זיצט מען למעלה אויבן אן, מיינט נאך גארנישט, די עיקר איז**ותתנהו למעלה - למעלה**, אז אין עולם העליון זאלן אונז זיין למעלה. ודפח"ח.

**טייערע טויש, דיין פלאץ איז פארזיכערט בעז"ה!**

**פנו מקום להצדיק "טויש"!**

===================================================================
===============

ענטפער: יא מיר קענען !!! מאכן דעם טויש !
געמאלדן דורך שיע - כ"ז אייר התשפ"א 12:53

---

**אוי קענען מיר מאכן דעם טויש... אבער נישט סתם א טויש!!!!**

*מזל טוב חבירינו ידידינו הקדוש וטהור הרה"צ ר' טויש שליט"א צי דיין דערכרייכונג פון 90 טעג סאבער אין ריין.*

ביסט אונזער ריכטיגע סימבאל פון שטארקייט אין גבורה צי גיין אויפן ריכטיגע מהלך והא ראי עס ארבעט.

אפשר טוסטו אונז אלע א טובה אין טייל מיט מיט אונז חבירים וואס עס האט זיך געטוישט אין דיין לעבן זייט די ביסט סאבער. אין ווי אזוי די האסט באוויזן דאס וואנדערליכע צי בלייבן סאבער פאר 90 טעג.

==============================================================================

ענטפער: יא מיר קענען !!! מאכן דעם טויש !
געמאלדן דורך נישט שפעט - כ"ז אייר התשפ"א 13:06

---

**ט**והט זיך איבעראל א שמחה גאר א גרויסע

**ו**ואס גייט דא פאר, לשמחה מה זו עושה

**יום** התשעים פון טויש, די הייליגע ברודער

**ש**וין, איך פארשטיי וואס איז די גערידער

**איינער זעהט וואס דא גייט פאר??**

**אונזער הייליגער חבר די גרויסער צדיק "טויש" איז אנגעקומען צו 90!!!**

**ער האט א ניינציגער**

אזוי שטילערהייט, בהצנע לכת, האט ער געציילט איין טאג נאך די צווייטע, איז ער אנגעקומען צו די יום הגדול והקדוש, יום הצדי"ק לטהרה ולריינקייט.

**טויש, ביסט א צדי"ק!**פון אייביג! און נאך מער פון דיין ערשטע טאג וואס האסט אנגעהויבן ציילן, ביסטו שוין א צדיק! פון ווען האסט מחליט געווען מאכן א טוי"ש, פון ווען האסט אנגעהויבן זיין פארזיכטיג, לעבן מיט א חשבון, זיך אנהענגען ביים הייליגן באשעפער, ווען און שטרעבן זיין ריין - ביסטו א הייליגע צדיק.

יעצט האסטו נאר באקומען די סטעמפל פון בד"צ דק"ק הד"א...

ווער קען שאצן די גרויסע שמחה פון טויש אנקומעדיג צו די טאג נאך אזויפיל פארזיכטיגקייט, שמירת עינים, דורך שטיין נסיונות, אריבער גיין עגמת נפש'ן... וויפל שעות אין די 90 טעג זענען געווען מוקדש אויף תפילות און בקשות צום הייליגן באשעפער ער זאל דיר העלפן און האלטן ריין! אה, ווער קען משיג זיין דיין גרויסע שמחה און סיפוק.

איז מיט א הארץ פוהל מיט גאר אסאך שמחה און פרייד, וויל איך דיר וואונטשן א גאר הארציגע ווארעמע ברכה, לכבוד דיין גרויסערדיגע יום שמחה - די אייבישטער זאל דיר העלפן ווייטער, איין טאג אויפאמאל, זיך קענען האלטן ריין און שפירן שמחה און זיסקייט.

נאך די 90 טעג, ווען די צייט-ווייליגע ציל איז שוין נישטא, דארף מען שוין אן עקסטערע סייעתא דשמיא. נעם דיר שטארק אריין אין קאפ:

די יסוד פון איין טאג אויפאמאל!

די ידיעה אז ס'איז גארנישט דו, ס'איז נאר די הייליגע באשעפר וואס האלט דיר! האף און גלייב באמת אז ער וועט דיר ווייטער האלטן. ווייל דו ווילסט דאס, און ער ית"ש וויל דאס אויך.

און יעדע שווערע מינוט געדענק דיין ליבער טאטע וואס האלט דיר כאשר ישא האומן את היונק.

געדענק דיינע הייליגע חברים דאהי וואס זענען גרייט מיט חיזוק, געפיל, עצות און הדרכה.

און די עיקר, אויך יעצט, פארגעס נישט אז דו האלטסט אינמיטן א מהלך. ס'האט זיך נאך נישט גענדיגט. דריי זיך דא, האב שייכות מיט חברים, ליין וואס אנדערע שרייבן, זיי מקדיש יעדן טאג אפאר מינוט פאר ריקאוורי.

און הבא לטהר מסייעין אותו!

**דו טוה און די אייבישטער וועט אויפטוהן!**

=================================================================
===============

ענטפער: יא מיר קענען !!! מאכן דעם טויש !
געמאלדן דורך טויש - כ"ז אייר התשפ"א 18:32

---

מלכות שביסוד

מיט גאטס הילף צייל איך היינט :

"היום תשעים יום שהם תשעים פעמים אחד

וגילו ברעדה

"וגילו" איך פריי זיך אז עס איז אדורך 90 טעג ריין

"וגילו איך פריי זיך אז עס איז אדורך 90 טעג וואס איך בין א מענטש ! א נארמאלע מענטש ! איך זיך נישט אוועקצולויפן פון מיר אליינס

"וגילו" איך פריי זיך אז עס איז אדורך אויף מיר 90 גאנצע טעג און דעם וואס כזאל פילן יענע ביטערע טעם פון נאך א דורכפאל

"וגילו" איך פריי זיך אז איך געהער צו אזא חבורה פון אידן וואס זענען דא זיך צו היילן. און קיין שום בושה.

"ברעדה" שטייט אין ספרים (דאכצעך אין תולדות פרשת תצא) א קעניג איז צוריקגעקומען פון מלחמה וואס ער האט געוואונען האט ער געזאגט פאר זיינע סאלדאטן : מיר זענען צוריקגעקומען פון די קליינע מלחמה יעצט ווארט אונז אפ די גרויסע מלחמה . יעדער מיט זיינע שוועריקייטן

לעניניני 90 טעג איז א קליינע געווינס קעגן די טויזענטער טעג וואס ווארט מיר אפ

יו ציטער איך !!!

אבער אינאמתן איז די 90 טעג נישט געווען קיין 90 טעג נאר איין טאג (אויפאמאל). סא איז עס נישט געווען קיין קליינע מלחמה נאר "גאר" א קליינע מלחמה

און מגיימיר ממשיך זיין די קליינע מלחמה יעדן טאג מיט א פרישקייט !!!

מגלגלין זכות על ידי זכאי

הלא המה חברי חבורת הד"א כל אחד "בשמו הטוב" יבורך

אין ענקער זכות שטיי איך היינט דא מיט גאנצע 90 טעג ריין. יעדעס מאל וואס מיינע מחשבות האבן אנגעהויבן פליען אין יענע ריכטונג ....... איז מיר עס געווען ווי א דערמאנונג אז סאיז צייט צו גיין כאפן א בליק אויף הד"א ווי איך האב זיך געטראפן מיט חברים אינעם זעלבן וואגן און אריינגעשעפט חיות וואס האט געגעבן כוח זיך האלטן און די ראמען

ובפרט לידידי רבי "שיע" וואס גלייך ווען איך בין דא אנגעקומען האט ער מיר אויפגענומען מיט א אויסטערלישע ווארימקייט. און איז אייביג גרייט און דא פאר מיר

וכן לידידי הרב רבי "נטע" וואס נאך עטליכע טעג זיין דא אויף הד"א האט ער געמאכט מיט מיר א אפע"ן האר"ט סערזשור"י במלוא מובן המילה (און ניטאמאל איינגעשלעפט) אוי איז עס געווען פעינפו"ל אבער עס האט זיך געלוינט ! ער האט מיר מסביר געווען בטוב טעם ודעת וואס דא גייט פאר וואס דאס מיינט אן עדיקט ואכמ"ל

וכן להרב הגאון רבי "נישט שפעט" וואס אחוץ וואס ער אונז אלע בכלליות מהנה איז ער מיר פריוואט שטארק מחזק און ניצט אויס זיינע טאלאנטן זיין לשון לימודים און זיינע געדאנקען זיינע ידיעות לקרב אותנו אל אבינו שבשמים

ואחרון אחרון חביב: מיין ליבער גאט

וואס האט מיר אריינגעבלאנזשעט דא !

און אזוי גערן איבערגענומען די גאנצע שווערע עול מיט אזא סבר פנים יפות. חוץ די פאר קלייניקייטן וואס ער פארלאנגט. (כמיין אזויפיל מעג איך נאל טוהן פאר אים !)

זאל גאט העלפן יעדן וגם אני בתוכם זיך צו קענען האלטן ריין היינט ! איין טאג אויפאמאל !!!!

לאמיר חזרן "איין טאג אויפאמאל"

==============================================================
================

ענטפער: יא מיר קענען !!! מאכן דעם טויש !
געמאלדן דורך נישט שפעט - כ"ח אייר התשפ"א 08:09

---

גאר שטארק ארויסגעשריבן דיינע הרגשים שבלב.

**און טאקע זייער וויכטיג געדענקען, עס ווארטן דיר נישט אפ טויזנטע טעג! עסווארט דיר אפ נאר איין טאג!! העבר אין והעתיד עדיין!**

לענ"ד איז עס איינע פון די זאכן וואס העלפן זייער שטארק.

איך זעה עס ביי מיר. ליידער האב איך נאך נישט אנגעהויבן טוהן עפעס עקסטערע טריט, און ווען איך קוק אויף א וואך ארום זעה איך נישט אז איך זאל קענען זיין ריין ביז דעמאלטס. אזוי איז געווען א וואך צוריק, איך האב נישטט געטראכט אז נאך וואך וועל איך זיין ריין, איך האב נישט געזען א סיבה איך זאל זיך האלטן נאך א גאנצע וואך.

בקיצור, איך טראכט נישט פון א וואך. וואס האב איך יעצט מיט א וואך ארום. איך טראכט און בעט און משתדל**נאר אויף היינט! ברוך ה' יום יום.**

============================================================
================

ענטפער: יא מיר קענען !!! מאכן דעם טויש !
געמאלדן דורך בדרך - כ"ח אייר התשפ"א 12:51

---

אל כבוד הרב טויש נ"י

א הארציגע מזל טוב פאר דיין טויש, יא נאך נײנציג טעג זיין סאבער איז מען א געטויש'טע מענטש

די גאנצע ארום טוישט זיך

און די מענטש טוישט זיך

גאט זאל דיך באגלייטען

============================================================
================

ענטפער: יא מיר קענען !!! מאכן דעם טויש !
געמאלדן דורך עיניו בראשו - כ"ח אייר התשפ"א 12:57

---

טויש האט געמאכט דעם טויש!

דו ביזט מיר מחייב, הצלחה אויף ווייטער!

============================================================
================